בס"ד. שיחת ש"פ וירא, כ"ף מר-חשון ה'תשל"ו. הנחה הת' בלתי מוגה

א. בקשר צו כ' מר-חשון, דער יום הולדת פון רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע - די שנת ההולדה איז געווען הרכ"א, כתר"א - איז דא א סיפור (היום יום ע' קג) פון דעם בעל יום ההולדת וואס עס איז געווען בימי ילדותו, ווען ער איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר, בשבת פרשת וירא.

[ס'איז ניט ברור, צי דער סיפור (דלקמן) איז געווען ביום ההולדת שלו, ווייל אויך דעמולט איז געווען כ' מ"ח בשבת (כבשנה זו), אדער אז דאס האט פאסירט אין דעם שבת שלפני יום ההולדת, ווייל כ' מ"ח איז געווען דאן אין מיטן וואך - ס'איז אבער געווען (צי בשבת צי בשבוע פון) פ' וירא].

דער רבי נ"ע איז דאן אריין צום צ"צ און האט זיך פאנאנדער געוויינט, און אז דער צ"צ האט אים געפרעגט וואס וויינט ער - האט ער גענטפערט, אז ער האט געלערנט אין חדר אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו, איז אויף דעם וויינט ער וואס צו אברהם אבינו האט זיך דער אויבערשטער באוויזן און צו אונז - צו אים - ווייזט ער זיך ניט.

האט אים דער צ"צ גענטפערט: אז א איד א צדיק, צו ניין און ניינציק יאר, איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין, איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאך זיך באווייזן צו אים.

און אין דעם סיפור זיינען דא צוויי נוסחאות - ווי ס'איז שוין אפגעדרוקט בפרטיות (לקו"ש ח"ה ע' 87).

ב. בכלל, דער דיבור פון א אידן, דארף זיין זייער אויסגערעכנט, וכידוע וואס דער רמב"ם (בפיה"מ אבות פ"א מי"ז) איז מאריך בנוגע צו די פארשידענע חלקי הדיבור. עאכו"כ א דיבור פון א נשיא - איז א ודאי אויסגערעכנט. ועאכו"כ א דיבור פון א נשיא וואס ער רעדט ברבים, וואס דאס איז דאך א הוראה לרבים, ועאכו"כ א ענין וואס א נשיא הייסט אפדרוקן, וואס דאס איז (כפתגם הצ"צ) א הוראה לדורות - איז דאך א ודאי און א ודאי אז יעדער פרט ופרט איז בתכלית הדיוק.

דערפון איז פארשטאנדיק בנוגע לסיפור הנ"ל - וואס דאס וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר (ממלא מקומו של בעל ההולדת) האט עס דערציילט איז עס דאך א הוראה, און דערנאך ווען ער האט געהייסן דעם סיפור אפדרוקן איז עס געווארן א הוראה לדורות - אז די הוראה לדורות פון דעם אויבן דערמאנטן סיפור איז פון כל הפרטים שבו. ווארום וויבאלד אז דער דיבור איז אויסגערעכנט - איז אויב עס וואלט געווען איין פרט וואס איז ניט קיין הוראה (אדער ניט קיין הוראה לדורות), וואלט מען דאך דעם פרט ניט דערציילט (און ניט געהייסן דרוקן אים).

דערפון איז פארשטאנדיק, אז די הוראה פון סיפור הנ"ל איז ניט בלויז פון מענה הצ"צ - ווארום אויב אזוי, וואלט מען איבער געזאגט בלויז דעם ווארט פון צ"צ - נאר אויך פון די שאלה פון רבי'ן נ"ע. און אויך דאס וואס מען האט דערציילט אז די מעשה איז געווען בימי ילדותו בהיותו בן ד' או ה' שנים - אויך אין דעם ליגט א הוראה.

ד.ה. אז דאס איז ניט סתם א סיפור וואס עס האט פאסירט מיט א נשיא, א קדוש בן קדוש, נאר דאס איז א הוראה פאר יעדער אידן, ביז אפי' צו א קינד פון פיר אדער פינף יאר - אז עס דארף אים פאראר'ן וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים, און פאראר'ן אזוי שטארק ביז ער זאל אויסברעכן אין א געוויין.

- ואע"פ -

ואע"פ אז דאס איז דאך א סיפור וואס איז געווען מיט א נשיא - וואס הגם ער איז טאקע דאן נאך געווען א קינד, איז דאך אבער בוצין בוצין מקטפי' ידיע (ברכות מח, א) - איז אבער בכדי צו וויסן צי דאס איז פון די ענינים (של הנשיא) וואס משכמו ומעלה גבוה מכל העם, אדער דאס איז פון די ענינים וועלכע זיינען שייך צו אלעמען, איז די הוכחה אויף דעם פון דעם גופא וואס מען האט עס דערציילט און מפרסם געווען, וואס דערפון (וואס מען האט עס מפרסם געווען און געהייסן דרוקן) איז א ראי' אז דאס איז א הוראה צו יעדער אידן, ביז אפילו צו א קינד - וואס דערפאר האט מען געהייסן מפרסם זיין אויך דעם פרט, אז דער מאורע הנ"ל איז געווען ווען דער רבי נ"ע איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר.

ג. וואס אין דעם (אז ער איז געווען דעמולט בן ד' או ה' שנים), איז דא א הדגשה מיוחדת:

אע"פ אז אלע יארן וואס פאר י"ג שנה איז נאר אן ענין פון חינוך, איז דאך אבער אין די יארן גופא דא א חילוק פון נאך זעקס יאר ביז פריער, וואס בשעה א קינד ווערט אלט זעקס יאר איז שוין דא מער דער ענין החינוך, ווי די גמרא (כתובות נ, א) זאגט "בציר מבר שית לא תקביל, בר שית קביל וספי לי' כתורא".

און דאס איז די הדגשה אין דעם וואס מען האט דערציילט אז דער רבי נ"ע איז דאן געווען בן ד' או ה' שנים - בכדי צו אפלערנען דערפון, אז ענין הנ"ל (בכי' אויף דעם וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים) איז שייך אפילו פאר א קינד וואס איז בציר מבר שית.

ד. ואע"פ אז עס קען זיין אזא וואס אפילו זייענדיק בציר מבר שית זאל ער זיין מער בר דעת פון א בן י"ג שנה - איז דאך אבער ידוע דער חילוק פון לפני מ"ת ביז לאחרי מ"ת, אז לפני מ"ת וואס די עבודה דעמולט האט דערלאנגט נאר ביז שרש הנבראים איז ניט געווען נוגע די מדידות והגבלות,

וואס דערפאר האט יעקב אויפגעטאן ע"י המקלות די ענינים וואס ווערן נמשך ע"י הנחת תפילין, וכמו"כ יצחק האט ממשיך געווען ע"י חפירת בארות, און אברהם אבינו ע"י הכנסת אורחים שלו - אע"פ שהעבודות שלהם זיינען ניט געווען אין דעם אופן כמו לאחרי מ"ת.

וואס דער גמילות חסדים און הכנסת אורחים פון אברהם אבינו איז געווען לערביים און דעמולט איז גאר ניט געווען שייך שיגמול חסד לישראל. ווארום ס'איז דאך "אחד הי' אברהם" (יחזקאל לג, כד), ובנוגע לאשתו איז דאך ניט שייך ענין הגמ"ח ווארום ער איז מחוייב לפרנס בני ביתו, איז דאך דער גמ"ח שלו געווען לערביים, און אעפ"כ האט ער דורך די גמ"ח אויפגעטאן עד כדי כך ביז ער האט ממלא געווען דעם ארט פון חסד דאצילות. וכדאיתא בספר הבהיר "אמרה מדת החסד .. מימי היות אברם בארץ לא הוצרכתי אני לעשות מלאכתי שהרי אברם עומד ומשמש במקומי" - חסד דאצילות האט גארניט געהאט וואס צו מוסיף זיין אויף די עבודה פון אברהם'ן.

ועד"ז איז אויך בנוגע ליצחק ויעקב, אז די חפירת בארות דיצחק וואס אין מקרא יוצא מידי פשוטו, ער האט פשוט געגראבן ברונעמס אין ארץ פלשתים און מלקות דיעקב - אע"פ אז די עבודות זיינען ניט אין דעם אופן פון די מצוות שלאחרי מ"ה - האבן זיי אויפגעטאן דורך דעם המשכות נעלות, און ווי עס שטייט אין זהר (ח"א קסב, א) אז די מקלות דיעקב האבן ממשיך געווען די המשכות וועלכע מען איז ממשיך היינט דורך תפילין.

ווארום וויבאלד אז די עבודה שלפני מ"ת האט דערלאנגט נאר ביז שרש הנבראים, דעריבער, איז אויב מצד האדם איז די עבודה געווען בשלימות -

- האט -

האט די עבודה אויפגעטאן אלע ענינים, און ס'איז ניט געווען נוגע די פרטי ואופני העבודה.

משא"כ לאחרי מ"ת, וואס די מצוות שלאחרי מ"ת זיינען ממשיך פון מאציל - איז איצטער נוגע די פרטי ואופני העבודה, די מדידות של המצוות. [ואע"פ אז אויך איצטער, ווען עס זאל זיך געפינען א צדיק ווי יעקב אבינו, קען ער אויך איצטער אויפטאן דורך "מקלות" אזוי ווי יעקב האט אויפגעטאן - איז אבער ניט דאס איז דער ענין העבודה שלאחרי מ"ת. ענין העבודה שלאחרי מ"ת איז צו ממשיך זיין פון מאציל, און די המשכה איז דוקא דורך קיום המצוות אין די מדידות ווי זיי זיינען געגעבן געווארן בשעת מ"ת].

איז כשם ווי דאס איז בנוגע להעבודה גופא, אז לאחרי מ"ת איז נוגע די מדידה של המצוות ווי דאס איז ע"פ תורה - עד"ז איז אויך בנוגע די מדידה של מספר השנים, אז לאחרי מ"ת איז נוגע דער מספר פון י"ג שנים דוקא, און א קטן וואס איז ניט אלט קיין דרייצן יאר - אפי' ווען ער זאל זיין א בר דעה גדול ביותר - איז ער א קטן בנוגע לכל הדינים שבתורה.

משא"כ לפני מ"ת איז ניט געווען נוגע דער שיעור פון י"ב שנים דוקא, און אויב איינער איז געווארן א בר דעת פאר דרייצן יאר - האט ער געהאט דעם דין פון א גדול (בנוגע להדינים שלפני מ"ת).

[ויש לומר, אז דאס איז תלוי אין די צוויי דעות פון וואנעט מען לערנט אפ דעם דין בן י"ג למצוות: לויט די דעה (רש"י נזיר כט, ב) אז מען לערנט עס אפ פון "ויקחו גו' איש חרבו" (וישלח לד, כה) - איז אויך פאר מ"ת געווען דער שיעור פון י"ג שנים; און לויט די דעה (שו"ת הרא"ש ריש כלל ט"ז) אז דאס איז פון די שיעורין הלכה למשה מסיני - איז דאך מובן, אז דאס איז א ענין שנתחדש במ"ת.

און דאס איז א נפק"מ אויך לאחרי מ"ת - לגבי ב"נ בנוגע צו ז' מצוות דידהו: לויט די ערשטע דעה - איז אויך בני נח ווערן מחוייב במצוות שלהם צו דרייצן יאר; משא"כ לויט די צווייטע דעה - וויבאלד אז "לא ניתנו השיעורין אלא לישראל בלבד" (רמב"ם הל' מלכים פ"ט ה"י) - איז בא ב"נ ניטא דער שיעור פון י"ג שנים, און דער ענין הגדלות מעסט זיך בלויז מיט שכל ודעת (ראה לקו"ש ח"ה ע' 421. ח"י ע' 71).

וענין הנ"ל - ווען א ב"נ ווערט א גדול - איז נוגע אויך צו אידן. ווארום וויבאלד אז א איד דארף זיך משתדל זיין אז בני נח זאלן מקיים זיין די ז' מצוות (רמב"ם הל' מלכים פ"ח ה"י), דארף דאך במילא א איד וויסן זינט ווען זיי ווערן מחוייב במצוות].

וכשם ווי דאס איז בנוגע צום שיעור פון דרייצן יאר, אז לאחרי מ"ת איז אפי' ווען איינער ווערט א בר דעת לפני י"ג שנה האט ער א דין פון א קטן - עד"ז איז אויך בנוגע דעם שיעור פון זעקס יאר, אז לאחרי מ"ת איז אפי' ווען איינער איז א בר דעת אויך פאר זעקס יאר (ביז אז ער איז מער בר דעת ווי אנדערע לאחרי י"ג שנה), פונדעסטוועגן, איז ער (בנוגע צו די ענינים דמ"ת) אין א דרגא ומצב שלפני דרגת החינוך וועלכע הויבט זיך אן צו זעקס יאר.

ה. פון דעם איז פארשטאנדיק, אז אויך דער רבי נ"ע בעת ער איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר - אע"פ אז אויך דעמולט איז ער שוין געווען א בר דעת וכו' - איז ער אעפ"כ געווען (בנוגע להענינים דמ"ת) אין א דרגא פון "בציר מבר שית".

- און -

הנחת הה' בלתי מוגה

און וויבאלד אז דערציילנדיק דעם סיפור האט מען דערציילט אויך דעם פרט אז ער איז געווען בן ד' או ה' (וואס יעדער פרט פון דעם סיפור איז א הוראה, כנ"ל) - איז דערפון פארשטאנדיק, אז דאס איז אויך א הוראה פאר יעדער אידישן קינד, אז אפי' ווען אים איז נאך ווייניקער ווי זעקס יאר, זאל אים פארארן די שאלה וואס דער אויבעדשטער באווייזט זיך ניט צו אים, אזוי ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו.

ד.ה. אז די שאלה הנ"ל (פארוואס צו אברהם אבינו האט זיך דער אויבערשטער יע באוויזן און צו אונז ניט) זאל ער פרעגן ניט בלויז בנוגע צו וויסן פי' הפסוק (וירא אליו ה') נאר - א שאלה וואס איז א טייל פון זיין לעבן, וואס אים רירט אן וואס דער אויבעדשטער באווייזט זיך ניט צו אים.

ואע"פ אז דער רמב"ם איז מבאר (פיהמ"ש ר"פ חלק ד"ה וכח תמישית) אז דער סדר ווי מען דארף אנהויבן לערנען מיט א קינד איז "שלא לשמה", צוליב "אגוזים או תאנים" וכיו"ב, ווייל די ענינים רירן אים אן און איך רערויף באשטימט זיין לעבן - איז דאס איז ווי א קינד איז מצד טבעו, אבער ע"י החינוך קען מען אין אים פועל'ן (אפי' בקטנותו, נאך איידער אים ווערט זעקס יאר) אז דער ענין פון ג-טליכקייט זאל זיין א טייל פון זיין לעבן, ביז אז דאס וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים (אין דעם אופן ווי ער האט זיך באוויזן צו אבדהם אבינו) זאל אים אזוי שטארק פארארן, ביז צו אויסברעכן אין א געוויין,

ד.ה. אז דאס איז א ענין שלמעלה מהגבלות הכלים שלו, ווארום בכי' קומט דאך מצד דערויף וואס ער קען עס ניט איבערטראגן.

ואע"פ אז א קינד מצד קטנות המוחין שלו (בא יעדער איינעם "קטנות" לפי ערכו) איז עלול מער צו בכי' - איז דאך אבעד ידוע בעניו "בכל מאדך", אז כאטש ס'איז נאר "מאדב", מאד שלב [ו]ואס מצד קטנות הכלים שלו איז דאס וואס בא אן אנדערן איז עס בהתיישבות איז בא אים איז דאס אין אן אופן למעלה מהגבלה[ה], וויבאלד אבער אז בא אים איז עס "מאד", דערלאנגט עס אין דעם "מאד" פון דעם אדם העליון (ראה תו"א לט, ד).

ו. וואלט ניט געווען די מאורע הנ"ל מיטן רבי'ן נ"ע - קען מען ניט וויסן צי מען קען עס פועל'ן בא יעדער אידישן קינד; אבער לאחרי ווי ס'איז געווען דער מאורע הנ"לביים רבי'ן נ"ע - איז א דבר ברור, אז דערמיט האט עד פותח געווען את הצנור פאר יעדער אידישן קינד.

ובפרט לאחרי וואס מען האט דערציילט דעם סיפור און געהייסן אים מפרסם זיין, וואס דאס איז דאך (כנ"ל) א הוראה פאר אלע אידן

- און וויבאלד אז די הוראה איז נתפרסם געווארן בתפוצות ישראל, איז עס דאך בדוגמת "הגזירות והתקנות והמנהגות" וואס "מצות עשה לשמוע להן, והעובר על כל אחד מהן עובר בלא תעשה" (רמב"ם הל' ממרים פ"א ה"ב) -

איז דערמיט וואס מען האט געגעבן די הוראה, האט מען געגעבן אויך א נתינת כח צו קענען דורכפירן די הוראה. ווארום צדיקים דומין לבוראן (ב"ר פס"ז, ח) איז כשם ווי דער אויבעדשטער "אינו מבקש אלא לפי כחן" (במדב"ר פי"ב, ג), אזוי אויך צדיקים, ווען זיי גיבן א הודאה, באווארענען זיי אז מען זאל האבן בכח צו דורכפירן די הודאה.

און דעריבער, בשעת מען זעט א אידישן קינד וואס אים אדט ניט וואס דער אויבעדשטעד באווייזט זיך ניט צו אים - איז עס ניט מצד דערויף וואס דער קינד איז ניט שייך צו דעם, נאר דאס איז א באווייז אז מען האט ניט גענוג גערעדט מיט אים בדבדים היוצאים מן הלב,

- און -

און בשעת מען וועט רעדן (בדברים היוצאים מן הלב) נאכאמאל און נאכאמאל, ביז צו "הוכח תוכיח את עמיתך אפי' מאה פעמים" (וואס די "בני הגאון המחבר" האבן אדיינגעשטעלט דעם ענין אין סיום פון ספר תניא) – און וויבאלד אז דער חיוב צו מוכיח זיין "אפי' מאה פעמים" לערנט מען אפ פון זעלבן פסוק "הוכית תוכיח" פון וועלכן מען לערנט אפ צו מוכיח זיין דעם ערשטן מאל, איז דערפון פארשטאנדיק, אז דער חיוב צו מוכיח זיין דעם הונדערטן מאל איז מיטן זעלבן תוקף ווי דער חיוב צו מוכיח זיין דעם ערשטן מאל –

איז בשעת מען וועט רעדן מיטן קינד כמה וכמה פעמים ביז צו מאה פעמים בדברים היוצאים מן הלב, איז א זיכערע זאך אז סוכ"ס וועט מען זיך דערגראבן צו די גרויסע אוצרות וואס געפינען זיך אין אים [וכתורת הבעש"ט (היום יום ע' נד) עה"פ כי תהיו אתם ארץ חפץ], און ארויסברענגען זיי מן ההעלם אל הגילוי.

ז. וואס דערפאר איז החובה על כאו"א להשתדל בענין החינוך. און ווי מען האט געזעהן בא רבותינו נשיאינו, אנהויבנדיק פון דעם בעש"ט, אויף וויפל זיי האבן זיך אפגעגעבן צו מחנך זיין אידישע קינדער.

ואדרבה: מיט גרויסע האט זיך דער בעש"ט אפגעגעבן ערשט בעת ער איז נתגלה געווארן, משא"כ מיט קינדער איז דאך ידוע אז לפני התגלותו איז ער געווען א באהעלפער (וואס א "באהעלפער" איז דאך שייך צו גאר קליינע קינדער), און פלעגט זאגן מיט די קינדער איש"ד וכיו"ב. און וויבאלד אז צדיקים דומים לבוראם ודיבורו של הקב"ה חשיב מעשה – איז דאך מובן די פעולה וואס דער בעש"ט האט אויפגעטאן (במעשה בפועל) דורך זיין רעדן מיט די קינדער.

און דער ענין (להשתדל בענין החינוך) – איז עס א ענין המוטל על כאו"א. און אפי' ווען ער טראכט אז מצד מצבו וכו' איז ער ניט שייך דערצו – איז דאך די הוראת חז"ל (אבות פ"ב מ"ה) "במקום שאין אנשים השתדל להיות איש", ד.ה. אז כאטש ער ווייס בא זיך אז עס פעלט אים וכו', איז וויבאלד אבער אז ס'איז א "מקום שאין אנשים" [און ווי ער זעהט אז ס'איז דא א סאך אידישע קינדער וואס באקומען ניט דעם חינוך ווי עס דארף צו זיין, מצד דערויף "שאין אנשים" וועלכע זאלן זיך אפגעבן מיט זיי], ליגט אויף אים דער חוב צו משתדל זיין זיך (אע"פ ער ווייס אז ער האלט ניט בא דעם) "להיות איש" און פארנעמען זיך מיט חינוך.

מצות חינוך ליגט טאקע אויף די עלטערן, אבער בשעת אז – מצד איזה סיבה שתהי' – האבן די עלטערן אים ניט מחנך געווען, ליגט א חוב על כאו"א מישראל צו זעהן אז דער קינד זאל באקומען א חינוך כדבעי (צי אליין אפגעבן זיך מיט זיין חינוך אדער זעהן אז אנדערע זאלן עס טאן).

[ואע"פ אז דאס איז א ענין וואס איז פארבונדן מיט ב"ד – איז דאס וואס ב"ד דארפן עס טאן איז עס (ניט אז דאס איז פארבונדן מיט די דריי אידן, נאר דאס איז) מצד דערויף וואס זיי זיינען די באי כח פון אלע אידן פון דער קהלה, פון דער מדינה, פון די גאנצע וועלט. ד.ה. אז דער חיוב ליגט אויף אלע אידן, נאר ב"ד טוט עס אלס באי כח של כל ישראל. און דעריבער, איז כל זמן אז ס'איז דא איין אידישער קינד וואס ב"ד האט נאך ניט פארזארגט זיין חינוך, ליגט דער חוב על כאו"א מישראל צו פארזארגן אז דער קינד זאל האבן א חינוך כדבעי].

און דאס וואס ער טענה'ט אז ער איז פארנומען מיט אנדערע ענינים (וועלכע זיינען לפי דעתו ווייכטיקער) און דעריבער האט ער ניט קיין צייט

– צו –

צו פארנעמען זיך מיט חינוך - איז דאס א שאלה וואס ער דארף פרעגן בא א רב, אויף זיך אליין טאר ער זיך ניט פארלאזן, ווייל ער איז א משוחד, ובמילא איז ער אליין קען ניט פסק'נן די שאלה, נאר ער דארף פרעגן בא א רב.

און אויב ער האט ניט קיין רב וועמען צו פרעגן - איז כל ספיקא לחומרא. ווארום ס'איז א ענין פון פיקוח נפשות און בא פיקוח נפשות דארף מען מחמיר זיין אויף א ספק וספק ספיקא וכו'.

ח. און אזוי ווי אלע ענינים פון עבודת ה' דארפן דאך זיין בשמחה - איז דאך מובן, אז אויך ענין הנ"ל, דארף מען טאן בשמחה. און בשעת ער וועט עס טאן בשמחה, וואס שמחה פורצת גדר - וועט עס פורץ זיין אלע גדרים וכו' וואס דערלאזן ניט צו מחנך זיין.

צום אלעם ערשטן - וועט עס פורץ זיין זיינע אייגענע גדרים שמצד הטבע וההרגל שלו. וואס ס'איז דאך דא אזוינע וואס טוען ניט בענין החינוך מצד דערויף וואס שוין העכער פון פופציק יאר האט ער זיך מרגיל געווען צו איינשליסן זיך אין זיינע ד' אמות און ניט טאן מיט א צווייטן אידן - איז די שמחה וועט פורץ זיין דעם גדר הטבע וההרגל שלו, עס זאל זיין דער "לך לך מארצך ממולדתך ומבית אביך", "מארצך" פון דיינע רצונות, "וממולדתך" פון דיינע רגילות'ן,

און דערנאך וועט ער פורץ זיין די גדרים פון דעם "ארום" וואס לאזן אים ניט צו צו די קינדער,

און בשעת ער וועט פורץ זיין זיינע אייגענע גדרים און די גדרים פון דעם ארום - איז בנוגע צו די קינדער גופא, ניטא קיינע גדרים (וועלכע מען דארף פורץ זיין), ווארום ס'איז א הבל שאין בו חטא, און כאמור לעיל אז מצד די קינדער, שטייען זיי אין אזא מצב, אז (אויב דער מחנך וועט נאר פורץ זיין זיינע גדרים און רעדן מיט די קינדער בדברים היוצאים מן הלב) קען מען זיי צוברענגען צו אזא דרגא, אז זיי זאל פארארן וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו זיי אין דעם אופן ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו.

ט. און דא קומט צו נאך א הוראה נפלאה פון דעם סיפור הנ"ל: דער רבי נ"ע דורך זיין בכי' (אויף דעם וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו) בימי ילדותו, האט ארויס-גערופן דעם ענטפער און תורה פון צ"צ, און האט אויך גע'פועל'ט (דורך זיין בכי') אז דערנאך איז עס געווארן א <u>הוראה לדורות</u>.

און דאס איז א הוראה בנוגע צו יעדער אידישן קינד, אז נוסף צו דעם וואס מען קען בא אים פועל'ן אז דער ענין פון ג-טליכקייט זאל אים אזוי שטארק פארארן ביז צו אויסברעכן אין א געוויין - איז נוסף לזה: דורך דעם פועל'ט מען אויך א ענין שנוגע לכל הדורות, ביז אז דורך דעם ברענגט מען אויך די גאולה.

ווארום א אידישער קינד האט בכח צו מכריע זיין את כל העולם כולו, ביז צו ברענגען די גאולה. וכמובן ממארז"ל (יבמות סב, סע"א) "אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שבגוף", וואס דערפון זעט מען, אז בשעת עס קומט צו איין אידישער קינד - הגם אז ער איז נאך ניט שייך צו קיינע ענינים, ער איז ערשט געבארן געווארן - האט ער שוין בכח להכריע את כל העולם און ברענגען די גאולה.

ועאכו"כ בשעת עס קומט נאך צו דער ענין החינוך - אז דורך דעם

- שטעלט -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

שטעלט מען צו די "צבאות הוי׳" וועלכע גייען ארויס פון גלות, "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותנו", ביז אז "קהל גדול ישובו הנה", דורך משיח צדקנו, בקרוב ממש.

*　　　*　　　*

י. אזוי ווי די בכי׳ פון רבי׳ן נ"ע איז א הוראה לדורות בנוגע צו יעדער אידישן קינד (כמשנת"ל בארוכה), אזוי איז אויך דער ענטפער פון דעם צ"צ "אז א איד א צדיק צו ניין און ניינציק יאר איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין, איז עד ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים", דורך וועלכן ער האט אראפגענומען די בכי׳ ביים רבי׳ן נ"ע - וויבאלד מען האט דערציילט אז דער רבי נ"ע איז געווען דאן א קינד פון פיר אדער פינף יאר, ד.ה. אז דורך דעם ענטפער האט מען בארוהיקט א קינד פון פיר-פינף יאר - איז אויך דאס א הוראה בנוגע צו יעדער אידישן קינד, אז לאחרי ווי מען ברענגט אים צו אז ער זאל אויסברעכן אין א געוויין אויף דעם וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים, דארף מען זיך דערמיט ניט באגנוגנען, נאר מען דארף אים ווייזן אויך די וועג ווי ער קען דערגרייכן (נאך זייענדיק א קינד) אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו.

ווארום דער פשט פון צ"צ׳ס ענטפער צום רבי׳ן נ"ע איז <u>ניט</u> אז היות ווי אברהם אבינו צו 99 יאר האט מחליט געווען אז ער דארף זיך מל זיין, דעריבער איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך ווייזן צו אים, משא"כ ער (דער רבי נ"ע בימי ילדותו) איז ניט שייך דערצו,

ווארום אויב דער צ"צ וואלט געמיינט צו מסביר זיין אים אז ער קען זיך ניט גלייכן צו אברהם אבינו - וואלט ער אים געזאגט בפשטות: אזוי ווי אברהם אבינו איז געווען פון די אבות וואס "אין קוראין אבות אלא לשלשה" (ברכות טז, ב) און "אחד הי׳ אברהם" (יחזקאל לג, כד) - דעריבער איז ניטא וואס צו וויינען אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו און צו אונז ווייזט ער זיך ניט, ווייל מיר קענען זיך ניט גלייכן צו אברהם אבינו,

איז דערפון וואס דער צ"צ האט אים <u>ניט</u> געזאגט דעם אויבן דערמאנטן ענטפער נאר ער האט אים געזאגט "אז א איד א צדיק צו ניין און ניינציק יאר איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים" - איז דאך דערפון געדרונגען, אז די כוונה פון צ"צ׳ס ענטפער צום רבי׳ן נ"ע איז געווען צו ווייזן אים די וועג דורך וועלכע ער קען דערגרייכן אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו,

אז דורך דעם וואס אויך בא אים וועט זיין די הנהגה, אז אפי׳ לאחרי ווי ער וועט שטיין אין א דרגא פון "א איד א צדיק צו ניין און ניינציק יאר", וועט ער מחליט זיין "אז ער דארף זיך מל זיין" - דאס איז די וועג צו דערגרייכן אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים.

ולכאו׳: בכדי ער זאל שטיין אין די דרגא פון "א צדיק צו ניין און ניינציק יאר" - דארף דאך דורכגיין א משך זמן פון א ריבוי שנים (94 אדער 95 יאר), איז וואס האט אים דער צ"צ געגעבן אזא ענטפער וואס זאל אים פארשאפן עגמ"נ און אפעסן די הארץ אז בכדי דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים דארף פריער דורכגיין א משך של ריבוי שנים?

מוז מען זאגן, אז דער פשט פון דעם ענטפער איז - אז אויך איצטער, זייענדיק א קינד פון פיר אדער פינף יאר, קען ער גלייך דערגרייכן צו די

- מדריגה -

מדריגה פון "א צדיק צו 99 יאר" - אע"פ אז אברהם אבינו האט דערגרייכט צו די מדריגה ערשט צו ניין און ניינציק יאר.

יא. וועט מען עס פארשטיין ע"פ הידוע אין דעם ענין פון "פתח", אז בשעת איינער האט געהארעוועט אויף א געוויסן ענין, האט ער דורך דעם פותח געווען דעם צנור און ממשיך געווען דעם ענין בעולם, און וויבאלד אז דער ענין איז שוין נמשך געווארן באויר העולם, פאדערט זיך שוין ניט אזוי פיל יגיעה אויף צוקומען צו דעם.

און דאס איז ניט נאר בנוגע צו ענינים של סגולה נאר אויך בנוגע צו ענינים של הבנה והשגה. וכידוע הסיפור פון דעם בית יוסף, אז ער האט זיך מייגע געווען אויף א ענין בתורה, ביז אז דורך ריבוי יגיעה וכו' האט ער משיג געווען דעם ענין. דערנאך האט דער ב"י געזעהן ווי א איד וואס איז ניט לפי ערכו (של הב"י) כלל האט געלערנט די זעלבע סוגיא און ער האט גלייך געזאגט דעם זעלבן ביאור וואס דער ב"י האט געזאגט לאחרי א ריבוי יגיעה. איז דער ב"י געווען אראפגעפאלן דערפון, ביז אז מען האט אים געזאגט (לפי דעה אחת - האט עס דער אריז"ל אים געזאגט), אז לאחרי ווי ער (דער ב"י) האט עס שוין ממשיך געווען לאויר העולם, קען דאס שוין משיג זיין יעדער איינער ובלי יגיעה.

וואס פון דעם סיפור זעט מען, אז דער ענין פון "פתח" איז ניט נאר בנוגע צו ענינים של עבודה נאך אויך בנוגע לענין הבנה והשגה.

ובנוגע לעניננו: אברהם אבינו דורך זיין עבודה, האט פותח געווען דעם צנור לכאו"א, אז די מדריגה צו וועלכע ער האט דערגרייכט דורך עבודה במשך ניין און ניינציק יאר, זאל מען קענען קומען צו די מדריגה בלי ריבוי עבודה כ"כ, ביז אז אפי' א קינד זאל קענען צוקומען צו די מדריגה.

[ויתירה מזו: וויבאלד אז איצטער איז דאך לאחרי מ"ת - דעריבער, איז דורך א סאך א קלענערע עבודה, שאינה בערך כלל לגבי עבודתו של אברהם אבינו, קען מען צוקומען צו א העכערע מדריגה. וכמו במצות הצדקה, אז אברהם אבינו ע"י מעשה הצדקה שלו - אע"פ אז ס'איז געווען במס"נ וכו' (חסר קצת) הלוך ונסוע הנגבה, אעפ"כ, וויבאלד ס'איז געווען לפני מ"ת, האט ער דערגרייכט נאר ביז שרש ומקור הנבראים; און איצטער לאחרי מ"ת, איז בשעת א איד גיט צדקה, אע"פ אז ער האט ניט דערביי קיינע כוונות וכו', דערלאנגט עס א סאך העכער ווי בחי' שרש הנבראים, ביז עס דערלאנגט אין עצמות ומהות.

ואע"פ אז דער נתינת כח אויף די המשכות שממשיכים ע"י המצות עכשיו נעמט זיך דאס פון עבודת האבות, וכידוע שמעשה אבות סימן ונתינת כח לבנים - אעפ"כ איז עס אין אן אופן פון "יפה כח הבן מכח האב", דהגם אז דער כח הבן נעמט זיך טאקע פון כח האב איז אבער <u>יפה</u> כח הבן כו'.]

און דאס איז דער ביאור אין דעם וואס דער צ"צ האט געזאגט צום רבי'ן נ"ע ווען ער איז געווען בקטנותו "אז א איד א צדיק צו 99 יאר איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים": אז דייענדיק נאך א קינד, קען ער שוין (מצד דערויף וואס אברהם אבינו האט פותח געווען דעם צנור) דערגרייכן צו די מדריגה פון "א צדיק צו ניין און ניינציק יאר", און בשעת ער וועט דערגרייכן צו די מדריגה - דארף ער בא זיך מחליט זיין אז ער דארף זיך ערשט מל זיין,

וואס ענין המילה איז כמ"ש והי' תמים, אז ער דארף ערשט אויפטאן תמימות בכל עניניו. דאע"פ אז ער שטייט אין א מדריגה נעלית ביותר, איז

- ניט -

ניט נאר אז ער דארף נאך עפעס מוסיף זיין, נאר אז אלע זיינע ענינים זיינען ניט בתמימות,

און דורך די החלטה (אז אע"פ אז ער שטייט במדריגה נעלית ביותר, בדוגמת ווי אברהם אבינו צו 99 יאר, פעלט אים תמימות בכל עניניו), איז נאך זייענדיק א קינד פון פיר-פינף יאר - וועט זיין "וירא אליו הוי'" אין דעם אופן ווי ס'איז געוועז בא אברהם אבינו, צי אין אן אופן פון "מזלי' חזי" עכ"פ אדער אויך אין אן אופן פון "איהו חזי", וכו'.

יב. אין מצות מילה איז דא א חקירה (ראה לקו"ש חי"א ע' 44 הע' 19), צי די מצוה איז בעיקר על הבן נאר היות ווי ער איז א קטן איז זי דעריבער מוטל על האב, אדער אז די מצוה מלכתחלה איז על האב.

אבער אט די חקירה איז שייך נאר פון יצחק'ן (דער ערשטער שנימול לשמונה) און ווייטער, משא"כ בנוגע לאברהם איז (נוסף לזה שאביו הי' תרח, איז) דאך מפורש בכתוב אז דער ציווי איז געוועז צו אים.

ובנוגע לענינינו: וויבאלד אז בנוגע לאברהם איז דאך ברור אז די מצות מילה איז געוועז לאברהם גופא, עד"ז איז אויך בנוגע צו יעדער אידן אויך צו א קינד, אז דאס וואס מען זאגט אים אז ער דארף מחליט זיין אז ער דארף זיך מל זיין (בדוגמת מה שאברהם מל עצמו לאחרי שהי' צדיק בן צ"ט שנה) איז עס א ענין שנוגע אליו גופא (חסר קצת).

יג. די הוראה מכל הנ"ל איז:

כאמור לעיל אז די אלע פרטי הסיפור - כולל אויך דאס וואס מען האט דערציילט אז דער סיפור הנ"ל איז געוועז ווען דער רבי נ"ע איז נאך געוועז בקטנותו - איז עס א הוראה לדורות, אז אויך א קינד פון פיר-פינף יאר איז שייך צו בידע חלקים פון דעם סיפור:

סיי צו די שאלה פון רבי'ן נ"ע - אז מען קען צוברענגען יעדער אידישן קינד צו א תשוקה גדולה ביותר אז דער אויבערשטער זאל זיך ווייזן צו אים, ביז צו אזא תשוקה אז ער זאל אויסברעכן אין א געוויין;

סיי צו דעם ענטפער פון צ"צ - אז לאחרי ווי מען האט שוין צוגע-בראכט דעם קינד לתשוקה הנ"ל, טאר מען זיך ניט מסתפק זיין דערמיט נאר מען דארף אים אויך ווייזן די וועג ווי צוקומען אז עס זאל זיין בא אים דער "וירא אליו הוי'", וואס אויך דאס איז שייך צו יעדער אידישן קינד, כנ"ל בארוכה.

און בשעת מען פועל'ט אז עס זאל זיין "וירא אליו הוי'" צו נאך א אידן, איז דער גילוי אור וואס מען איז ממשיך אין וועלט איז דוחה דעם חושך פון וועלט, ווארום אפי' מעט אור דוחה הרבה חושך ומכ"ש הרבה אור,

און כאטש אז דער גילוי אור איז דאך צו א איש פרטי (צו דעם קינד), פועל'ט עס אבער אויך בכללות העולם, וכפסק הרמב"ם (הל' תשובה פ"ג ה"ד) אז עס ווערט א "תשועה והצלה" בכל העולם,

אז פון דעם גילוי אור (וואס איז נמשך געווארן לאיש פרטי) איז מאיר בכל העולם כולו, ביז עס וועט זיין "והי' הוי' לך לאור עולם".

* * *

יד. מאמר כעין שיחה ד"ה כי ידעתיו גו'.

* * *

- סו. -



הנחת הת' בלתי מוגה

ע׳ א׳השנו), און דערפון ווערט דאס נמשך על כל השנה כולה, ביז אז דאס קומט אראפ אין מעשיך און אין דרכיך, ומתוך שמחה וטוב לבב.

*  *  *

יא. מ׳האט גערעדט פריער בנוגע צו דעם יום הולדת פון כ"ק אדמו"ר נ"ע, וואס פון דעם יום ההולדת זיינען ארויסגעקומען כו"כ ענינים, ס׳איז אבער דא דער התחלת הענין, די זאכן וואס זיינען געווען בתחלת ימי חייו.

ע"ד ווי ס׳איז דא דער ענין פון יום ההסתלקות, וואס דעמולט איז עולה כל עבודתו אשר עבד במשך כל ימי חייו, כמבואר אין אגה"ק סימן ז"ך וכ"ח - איז עד"ז דא דער ענין פון יום ההולדת, וואס דעמולט הויבן זיך אן ימי חייו.

און וויבאלד אז מ׳רעדט וועגן דעם ענין פון יום ההולדת, איז דא נוגע די ענינים וסיפורים וואס זיינען געווען מיט אים בתחלת ימי חייו, וואס דאס איז טאקע ניט זיין התגלות אלס א נשיא בישראל, נאר דאס איז זיין התגלות אלס א איד.

יב. וואס אע"פ אז דאס איז א סיפור וואס איז געווען מיט אים ווען ער איז געווען בן ד׳, נאך איידער ער איז געווארן בן שש שנים וואס דעמולט דארף זיין "ספי לי׳ כתורא" (כתובות נ, א), אעפ"כ איז דאך אבער "בוצין בוצין מקטפי׳ ידיע" (ברכות מח, א).

און ווי דער אלטער רבי ברענגט אין שו"ע (או"ח סשמ"ג ס"ג) אז דער ענין החינוך איז "בכל תינוק לפי חריפותו וידיעתו בכל דבר לפי ענייניו", אז אויב ס׳איז דא אן ענין וואס ער פארשטייט שוין, איז דא דער גדר פון חינוך אין דעם ענין.

און אע"פ אז דאס איז געווען איידער ער איז נתמנה געווארן אלס נשיא בישראל, וואס דער ענין פון מינוי לנשיאות איז דאך אן ענין וואס איז אינגאנצן באין ערוך צו די ענינים וואס זיינען געווען ביי אים קודם שנתמנה לנשיא,

וואס דאס איז אפי׳ ביי א מלך בן מלך, וואס ער דארף ניט האבן קיין משיחה, ווארום די משיחה פון דעם אב איז גענוג אויך פאר אים, דערפאר וואס דער ענין המלכות קומט צו אים בירושה (רמב"ם הל׳ מלכים פ"א ה"ד-יב), איז אפי׳ בן מלך וואס דארף ניט האבן קיין משיחה - אזוי ווי ס׳איז געווען ביי ממלא מקומו כ"ק מו"ח אדמו"ר - איז קודם שנתמנה לנשיא איז דאס שלא בערך צו דאס וואס ס׳ווערט ביי אים בעת שנתמנה לנשיא.

ווי ס׳איז אויך פארשטאנדיק דערפון וואס מ׳זאגט אז "דבר אחד לדור" (פירש"י וילך לא, ז), אז אין יעדן דור איז דא נאר <u>איין</u> נשיא, און מ׳איז נאך מדגיש "ואין שני דברים לדור", ניט נאר אז מ׳זאגט דבר אחד לדור, וואס דערפון גופא איז דאך מובן אז אין שני דברים לדור, ווארום אין תורה איז דאך דא דער כלל פון מכלל הן אתה שומע לאו - אעפ"כ באגנוגנט מען זיך ניט דערמיט, נאר מ׳איז נאך מדגיש "ואין שני דברים לדור", א נשיא איז נאר איינער.

וואס דערפאר קען ניט זיין דער "וזרח השמש" איידער ס׳איז דא דער "ובא השמש", ווארום א נשיא איז נאר איינער. וואס דערפון איז דאך מובן אז אפי׳ ביי א בן מלך, איז קודם שנתמנה לנשיא איז דאס שלא בערך לגבי דאס וואס טוט זיך אויף בעת המינוי לנשיאות -

אעפ"כ, וויבאלד אז מ׳זאגט בוצין בוצין מקטפי׳ ידיע, איז מובן אז

- אויך -



<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

אויך די ענינים וואס זיינען געווען קודם שנתמנה לנשיא, ביז אפי' ענינים וואס זיינען געווען בקטנותו, איז דערפון אויך דא א הוראה.

ובפרט עפ"י דיוק הלשון "בוצין בוצין וכו'", וואס דער פי' בזה איז דאך אז זייענדיק נאך א קליינער קען מען שוין וויסן וואס מיט אים וועט זיין, ואעפ"כ שטייט דער לשון "בוציך" דוקא, וואס דאס איז מרמז אויף דעם ענין האור, ווארום בכל מקום איך זהר ווערט אנגערופן נר - "בוצינא", און דא איז מען מדייק "בוצין בוצין וכו'" - אז ענינו איז שוין נר להאיר.

יג. וואס דערפון איז מובן אז די סיפורים וואס זיינען געווען מיט אים ווען ער איז נאך געווען בן ד', זיינען זיי א הוראה לכאו"א.

ובפרט אז דעם סיפור האט דערציילט א נשיא. וואס בשעת איינער דער-ציילט א סיפור, קען מען דאך ניט וויסן צי ער האט מכוון געווען צו אן ענין עיקרי וכו', אבער בשעת א בר סמכא דערציילט א סיפור, ובפרט אז א נשיא בישראל דערציילט א סיפור,

- וואס דער ענין פון א נשיא איז דאך גילוי לעולמות - לתלמידיו, ולכל ההולכים בדרכיו, ווארום דער ענין פון א נשיא איז ניט דער ענין פון התנשאות עצמית, נאר ווען ווערט ער אנגערופן בשם נשיא - דוקא ווען ס'איז דא די נשיאות בפועל -

און דער סיפור איז אויך וועגן א נשיא בישראל, און דאס האט דער-ציילט ממלא מקומו, איז מובן אז דאס איז אן ענין עיקרי, און דערפון דארף זיין א הוראה לכאו"א צו וועמען דער סיפור האט דערגרייכט.

ובינינו נדבר, אז א סיפור דערגרייכט צו א חוג רחב יותר ווי אן ענין פון רזין דרזין דאורייתא, אדער רזין אליין, אדער אפי' אן ענין אין נגלה דהורה - איז א סיפור דערגרייכט צו א חוג רחב יותר, ובפרט אז דער סיפור איז בנוגע צו אן ענין וואס איז געווען ווען ער איז געווען בן ד' שנים, דערגרייכט דאס צו נאך א גרעסערן חוג, ביז ווי דאס איז בפשטות - אויך צו בני ד' שנים, אז פאר זיי איז דאס אויך א הוראה.

יד. וואס ס'איז דא דער סיפור וואס איז פארבונדן מיט פ' וירא, וואס דאס איז געווען ווען ער איז געווען בן ד' או ה' שנים, ווי ס'איז שוין אפגעדרוקט בפרטיות (לקו"ש ח"ה שם), ווי געריעדט פאר א יארן באדוכה.

עד"ז איז דא דער סיפור וואס איז געווען (נאך פאר דערויף) ווען ער איז געווען בן ד' שנים, וואס דער סיפור איז שוין אויך אפגעדרוקט אין קונטרס חנוך לנער (ע' 9), וואס דאס איז אפגעדרוקט געווארן עפ"י הוראת כ"ק מו"ח אדמו"ר:

וואס דער סיפור איז, אז אמאל ווען דער רבי נ"ע איז געווען בן ד' שנים, האט דער חייט געבראכט א בגד וואס ער האט גענייט, און בשעת מ'האט בוהן געווען דעם בגד, האט דער רבי נ"ע ארויסגענומען לתומו א חתיכת ארג פון דעם כיס פון דעם חייט. דער חייט האט זיך זייער פארשעמט, און ער האט זיך אנגעהויבן מצטדק זיין אז ער האט פארגעסן אז ביי אים איז געבליבן פון דעם אדג וואס מ'האט אים געגעבן צו מאכן דעם בגד.

דערנאך ווען דער חייט איז אוועק געגאנגען, האט אים אמו הדבנית געזאגט אז צוליב אים איז דער חייט פארשעמט געווארן, און עד האט אים מלבין פנים געווען - און אז ער האט דאס געהערט האט ער זיך פאנאנדער געוויינט.

און אין א פאר וואכן ארום איז ער ארייַן צו זיין טאטן (דער רבי מהר"ש), און האט ביי אים געפרעגט ווי אזוי קען מען מתקן זיין דעם עון פון הלבנת פנים. און אז ער (זיין טאטע) האט אים געפרעגט פארוואס פרעגט ער די שאלה, האט ער אים געזאגט אז ער וויל דאס וויסן, אבער ער האט אים ניט דערציילט די מעשה.

און אז אמו הרבנית האט אים געפרעגט פארוואס האט ער ניט געוואלט דערציילן די גאנצע מעשה, האט ער געענטפערט אז ס'איז גענוג דאס וואס ער איז נכשל געווארן אין הלבנת פנים, זאל ער נאך עובר זיין אויף רכילות און לשון הרע?!

טו. וואס דאס איז א דבר פלא לכאו':

ענינו פון דעם רבי'ן נ"ע איז דאך געווען דער ענין המס"נ, און פנימיות אין תורה, און פנימיות אין מצוות, און פנימיות אין עבודת התפלה, און אלע זיינע ענינים זיינען אין אן אופן של פנימיות,

און דער ענין פון א נשיא הויבט זיך דאך אן היכף משנולד, ע"ד ווי ס'איז געווען ביים ערשטן נשיא - משה רבינו, ווי ס'שטייט אין מדרש (שמו"ר פ"ב, ד) אויף "ומשה הי' רועה", אז גלייך ווי ער איז געבארן געווארן איז ער שוין געווען מתוקן לכך,

און אעפ"כ, בשעת דער רבי ממלא מקומו האט געוואלט דערציילן א סיפור וואס איז געווען מיט אים, דערציילט ער א סיפור וועגן א חייט, וואס ער איז ניט געווען מורם מעם - ווארום דאס איז ניט געווען קיין חייט אזוי ווי בזמן הש"ס, נאר דער חייט איז געווען אן איש פשוט, ביז אז ס'איז געווען שייך אז מ'זאל אים חושד זיין אין דעם ענין (נעמען א חתיכת ארג וואס איז געבליבן פון בגד), וואס דערפאר האט ער זיך געדארפט מצטדק זיין,

און וועגן וואס פאר אן ענין רעדט זיך - וועגן א חתיכת ארג, וואס לויט די גמרא אין סוף ב"ק איז גאר דא א מקום צו א שקו"ט צי דער ארג באלאנגט צו דעם וואס האט געגעבן דעם ארג אויף מאכן דעם בגד, אדער אז דאס באלאנגט צום חייט, ווארום מ'דארף דאך מעסטן דעם שיעור פון דעם ארג, און מ'דארף וויסן די תנאים וואס מ'האט אפגערעדט וכו',

ובפרט אז די הלבנת פנים איז דאך ניט געווען ברבים, ווארום קיינער איז דארטן ניט געווען, נאר ער און דער חייט און אמו הרבנית, און ער האט דאך דאס געטאן נאר בשוגג, ווי דערציילט אין דעם סיפור אז ער האט ארויס-גענומען דעם אריג "לתומו", ער האט אינגאנצן ניט געטראכט צו פארשעמען דעם חייט -

און דאס דערציילט מען אונז, אז אע"פ אז דאס איז געווען א איש פשוט, און ס'האט זיך גערעדט וועגן א דבר קל כנ"ל, און ס'איז געווען ניט ברבים, אעפ"כ, בשעת אמו הרבנית האט אים נאר געזאגט אז דאס איז געווען הלבנת פנים, האט דאס ביי אים גע'פועל'ט אז ער האט זיך פאנאנדער געוויינט אויף דעם וואס ער איז נכשל געווארן אין הלבנת פנים.

וואס בכלל זאגט מען דאך אז א קטן איז מתכעס ומתקצף מדברים קטנים (תניא פ"ו), וואס דאס איז דערפאר וואס אין לו דעת כלל, ווי דער בעל ההולדת איז מבאר אין די קונטרסים (קונטרס התפלה פ"ד), וואס דאס וואס א קטן איז ניט קיין בר דעת איז דאך דאס ביז אז ער ווערט בן י"ג שנה, איז דאך דאס אן ענין וואס איז נוגע לדין - און אעפ"כ איז ער געווען אין אזא

- מעמד -

מעמד ומצב אז זייענדיק בן ד׳ שנים, אפי׳ ניט בן י"ב שנים, איז ביי אים געווען די בכי׳ אויף דעם וואס ער איז נכשל געווארן אין הלבנת פנים.

טז. וואס די הוראה דערפון איז, אויף וויפל מ׳דארף מחנך זיין א קינד, אז דאס דארף זיין אין אזא אופן אז זייענדיק בן ד׳ שנים, זאל ער שוין שטיין אין אזא ציור אז ער זאל וויינען אויף דעם וואס ער איז נכשל געווארן אין הלבנת פנים.

און אזוי ווי ס׳איז געווען ביים רבי׳ן נ"ע, אז בשעת מ׳האט אים נאר געזאגט אז דאס איז אן עניך פון הלבנת פנים, האט מען אים גארניט געדארפט מסביר זיין און פועל׳ן אויף אים, נאר ער האט זיך גלייך פאנאנדער געוויינט, איז עד"ז דארף מען מחנך זיין א קינד אין אזא אופן, אז בשעת מ׳זאגט אים נאר אז דאס איז געווען הלבנת פנים, זאל מען אים גארניט דארפן מסביר זיין און פועל׳ן אויף אים, נאר ער זאל שטיין אין אזא ציור אז דערהערנדיק אז ער איז נכשל געווארן אין הלבנת פנים, זאל ער גלייך וויינען.

און אפי׳ בשעת דאס איז אין אן אופן ווי ס׳איז געווען דא, אז דאס איז ניט געווען ברבים כנ"ל, און ס׳האט זיך גערעדט וועגן א חתיכת ארג, וואס ס׳איז גאר דא א מקום לשקו"ט צו ווערען באלאנגט דער ארג,

- וואס אע"פ אז ווען ער איז געווען בן ד׳ שנים האט ער ניט געוואוסט די גמרא אין סוף ב"ק, אבער בשעת מ׳האט דאס געשריבן און געהייסן אפדרוקן, האט מען דאך געוואוסט די גמרא אין סוף ב"ק -

און ער האט דאס געטאן בשוגג כנ"ל - אעפ"כ דארף מען אים מחנך זיין אין אן אופן אז איז זאל פאראדן דאס וואס ער איז נכשל געווארן אפי׳ בשוגג אין אן עניך פון הלבנת פנים, ביז אז דאס וועט ביי אים ארויסרופן אן עניך של בכי׳.

יז. עד"ז איז דא די הוראה פון דעם צווייטן טייל פון די מעשה, אז בשעת ער האט געפרעגט ביי זיין פאטער ווי אזוי קען מען מתקן זיין דעם עוון פון הלבנת פנים, און דער פאטער האט ביי אים געפרעגט פארוואס פרעגט ער אזא שאלה, האט ער ניט געוואלט דערציילן די מעשה, ווייל ס׳איז געווען וואס ער איז נכשל געווארן אין הלבנת פנים, דארף ער ניט נכשל ווערן אויך אין רכילות און לה"ר.

וואס ס׳איז דאך ידוע דער חילוק צווישן מוציא שם רע מיט לשון הרע, ווי ס׳שטייט אין רמב"ם (הל׳ דעות פ"ז ה"ב) און דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ אין זיין שו"ע, סיי אין חלק א׳ (או"ח סקנ"ו ס"י), סיי אין חלק וואס מ׳רופט אים חלק דא"ו (הל׳ הונאה וגניבת דעת סכ"ה) - אע"פ אז די חלוקה איז ניט פון דעם אלטן רבי׳ן און ניט פון בני הגאון המחבר - אז מוציא שם רע איז דער טייטש אז ער זאגט א שקר אויף יענעם, משא"כ לשון הרע איז דער טייטש אז דאס איז טאקע אמת, נאר ער האט דאס מוציא געווען בדרך לשון הרע.

איז אע"פ אז דאס איז ניט געווען קיין עניך של שקר, און נאכמער, ס׳איז דאך ניט געווען קיין עניך של לה"ר וואס ער האט מוציא געווען, נאר זיין פאטער האט אים געפרעגט פארוואס פרעגט ער די שאלה (ווי קען מען מתקן זיין דעם עוון פון הלבנת פנים), האט ער דאך אים געדארפט דערציילן די מעשה,

און בפרט נאך אז דערפון וואס ער איז געקומען בעטן א תיקון איז מובן, אז ער האט געהאט א השגה אין דעם עניך פון א נשיא, וואס ער איז

- מתקן -

מהקן נשמות ישראל, האט ער דאך אים געדארפט דערציילן, ובפרט אז דא קומט
נאך צו דער ענין פון כיבוד אב - ועד"ז בנוגע צו רבו, ווארום מ׳זאגט
דאך "ושננתם לבניך אלו התלמידים" (פירש"י ואתחנן ו, ז), ווערן זיי דאך
אנגערופן "בניך" פון דעם רב - איז דאך דא דער ענין פון כיבוד אב -

און אעפ"כ האט ער אים ניט געוואלט דערציילן די גאנצע מעשה, כדי
ער זאל ניט נכשל ווערן אין רכילות ולה"ר.

און דאס וואס מצד כיבוד אב האט ער לכאו׳ יע געדארפט דערציילן -
איז דער ביאור בזה בפשטות, אז ער האט געוואוסט אז דעד פאטער וועט ניט
וועלן ער זאל נכשל ווערן אין רכילות און לה"ר, וואס דערפאר איז אויך
מצד דעם ענין פון כיבוד אב האט ער אים ניט געוואלט דערציילן די גאנצע
מעשה.

יח. וואס דאס איז די הוראה פון די מעשה, אויף וויפל ס׳דארף זיין דער
חינוך פון א קינד, אז מ׳דארף אים מחנך זיין אין אן אופן אז אפי׳ ווען
ער איז בן ד׳ שנים, איז דערהערנדיק אז ער איז נכשל געווארן אין הלבנת
פנים, זאל ער דערפון וויינען. און אויך די הוראה פון דעם צווייטן חלק
פון די מעשה, אז אים זאל זיין נוגע אז ס׳איז געווען וואס ער איז נכשל
געווארן אין הלבנת פנים, דארף ער ניט נכשל ווערן אויך אין רכילות ולה"ר.

וכמובן, אז כדי מ׳זאל קענען פועל׳ן ביי א קינד פון פיר יאר - און
ביי א מיידעלע נאך פריער, ווארום בינה יתרה ניתנה באשה (נדה מה, ב) -
ער זאל זיין אין אזא מעמד ומצב, דארף זיך דער חינוך אנהויבן א סאך צייט
פריער.

און אע"פ אז די מעשה איז געווען ביי דעם רבי׳ן נ"ע, איז ווי זאגט
מען אז דאס איז א הוראה און ס׳איז שייך לכאו"א -

איז דער ביאור בזה ע"ד ווי מ׳זאגט "פתח ר"ש" - אז נאך דערויף
וואס ער האט געפנט די וועג אין דעם ענין, קען דערנאך יעדערער צוקומען
דערצו, ועד"ז בנדו"ד, אז דער רבי נ"ע האט אויף געפנט די וועג און האט
סולל געווען דעם דרך אז מ׳זאל קענען פועל׳ן ביי א קינד פון פיר יאר,
אז אים זאל אנרירן ביז צו אן ענין של בכי׳ - דאס וואס ער איז נכשל
געווארן אין הלבנת פנים.

וכידוע דער ביאור (לקו"ש ח"ד ע׳ 1207) אויף דעם וואס מ׳זאגט "דיך
וחשבון" (אבות פ"ג מ"א) - עפ"י תורת הבעש"ט (כש"ט הוספות אות פט) - אז
פריער קומט דער דין וואס עד אליין פסק׳נט אף פאר אזא פעולה, און דערנאך
מאכט מען דעם חשבון אז ער האט אויך געטאן אזא פעולה וכו׳ -

איז עד"ז בנדו"ד: וויבאלד אז דער רבי נ"ע איז מבאר דעם ענין פון
"פתח ר"ש" (ד"ה כי כאשר תרע"ח), ועד"ז בנוגע צו אברהם אבינו אז ער האט
אויפגעפנט דעם צינור פון מס"נ (שם), האט ער דאך אף גע׳פסק׳נט באופן כזה,
איז עד"ז בנוגע צו די ענינים וואס זיינען ביי אים, אז דאס איז אויך אין
אן אופן פון "פתח" - אז ער האט אויפגעפנט די וועג פאר אלעמען.

ווארום צדיקים דומין לבוראן, איז אזוי ווי דאס איז ביים אויבערשטן
אז מה שהוא עושה אומר לישראל לעשות (שמו"ר פ"ל, ט), איז עד"ז ביי צדיקים,
אז דאס וואס ער זאגט, איז דאס ביי אים אויך אזוי.

וואס דערפון איז אויך מובן אז דער סיפור הנ"ל איז א הוראה פאר
יעדערן אז ער קען צוקומען דערצו, ווארום ביים רבי׳ן נ"ע איז דאס געווען
אין אן אופן פון "פתח", אז ער האט אויך געפנט די וועג פאר אלעמען.

- יט. -

יט. און כדי אז דער פאטער זאל קענען מחנך זיין דעם קינד אין דעם אופן האמור, דארף ער זיין א דוגמא חי', ער זאל זיך אויך פירן אין אזא אופן.

וואס לכאו' קען ער דאך טענה'ן וואס איז נוגע ווי ער פירט זיך, קבל את האמת ממי שאומרה, איז וויבאלד אז ער זאגט א זאך וואס דער רבי נ"ע בעל ההולדת האט געזאגט, און א זאך וואס ממלא מקומו האט געזאגט - איז וואס איז נוגע אז ער פירט זיך פונקט אין אן אופן הפכי דערפון?

אויף דערויף זאגט מען אים, אז מ'זעט בפועל אז די הנהגה פון דעם פאטער איז משפיע אויף דעם קינד, וואס דערפאר איז כדי ער זאל קענען פועל'ן אויף אים דעם ענין, דארף ער זען אז ביי אים אליין זאל דאס אויך זיין אין דעם אופן, אז ער זאל נזהר ווערן בתכלית פון הלבנה פנים, אפי' ווען דאס איז אין א דבר קל און שלא ברבים ווי ס'איז געווען אין דעם סיפור פון דעם רבי'ן נ"ע - און בשעת ער פירט זיך אין אזא אופן, דעמולט איז דאס אויך משפיע אויף דעם קינד.

ועד"ז איז דאס אויך בנוגע צו "ושננתם לבניך אלו התלמידים" - אז דער מחנך דארף זיך פירן אין אן אופן ער זאל זיין א דוגמא חי', ווארום זיין הנהגה פועל'ט אויף די מחונכים.

און אפי' בשעת ער איז א למדן וכו' און ער האט א חשבון פארוואס ער פירט זיך באופן כזה - דארף ער אבער וויסן אז דער מחונך ווייסט ניט פון זיינע חשבונות, נאר ער קוקט אויף די זאך ווי דאס איז בפועל, במילא דארף ער זיך פירן אין אן אופן אז דער מחונך זאל זיך קענען לערנען פון אים.

און ביי דעם מהנך ומשפיע דארף דאס זיין ביתר שאת ויתר עוז, ווארום דער מושפע באקומט דאך ווייניקער ווי דאס איז ביים משפיע, איז בשעה דער משפיע וויל פועל'ן אויף אים אן ענין מסוים, דארף דער משפיע טאן אין דערויף ביהר שאת ויתר עוז, וואס דעמולט וועט אנקומען א טייל דערפון צום מושפע. ועד"ז בנדו"ד, אז ביים משפיע דארף זיין נאכמער זהירות פון דעם ענין פון הלבנת פנים וכו'.

כ. כהנ"ל קומט בהמשך צו דעם וואס מ'רעדט אין די חדשים האחרונים וועגן דעם ענין פון "מבצע חינוך". אז מ'דארף זיך משתדל זיין צו מחנך זיין אלע אידישע קינדער.

און ווי דער אלטער רבי פסק'נט אין הל' ת"ת (פ"א ס"ח) "מ"ע של תורה על כל חכם וחכם מישראל ללמד את כל התלמידים אע"פ שאינן יוצאי ירכו", וואס דאס שטייט אויך אין רמב"ם (הל' ת"ת פ"א ה"ב), אבער דער אלטער רבי איז מוסיף בלשונו הזהב - ווי דער צ"צ שרייבט אויף דעם אלטן רבי'ן - "מ"ע של תורה", וואס דער רמב"ם זאגט נאר "מצוה על כל חכם וכו'", און דער אלטער רבי איז מוסיף אז דאס איז "מ"ע של תורה".

ובפרט אז דער לשון איז אז דאס איז א מצוה "על כל חכם וחכם" (ב"פ), איז ע"ד ווי רש"י (אמור כב, כה) זאגט אז וויבאלד ס'שטייט "איש איש", מיינט מען דערמיט אלע סוגים פון איש, איז עד"ז אז ס'שטייט "חכם וחכם", מיינט מען דערמיט אלע סוגים פון חכמים.

[ע"ד ווי ס'שטייט בסיום הש"ס "עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות", וואס "לכל צדיק וצדיק" מיינט, צו אלע סוגים פון צדיקים, וואס דערפאר שטייט צדיק וצדיק.

וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו ג"ע, אז אע"פ אז ס'זיינען דא דרגות אין קץ אין ג"ע (ד"ה זה היום הרס"ו), אעפ"כ ווערן זיי נכלל אין די צוויי סוגים כלליים פון ג"ע העליון און ג"ע התחתון].

- איז -

איז בשעה מ׳וועט טרעפן א מענטשן איין גאס, און מ׳וועט ביי אים פרעגן צי ער איז א חכם אדער א טפש, וועט ער דאך ווערן ברוגז אויף דעם וואס מ׳מאכט א ספק בדבר - א ודאי איז ער א חכם,

איז וויבאלד ער אליין זאגט אויף זיך אז ער איז א חכם, האט ער אליין ארויף געלייגט אויף זיך דעם פס"ד און די אחריות אז ער דארף לערנען מיט אלע תלמידים, ווארום דער פס"ד איז דאך אז "מ"ע של תורה על כל חכם וחכם (וואס דאס איז כולל אלע סוגים איין חכמים כנ"ל) מישראל ללמד את כל התלמידים", און ער אליין זאגט דאך אז ער איז א חכם. וואס דערפון איז פארשטאנדיק אויף וויפל מ׳דארף טאן אין דעם ענין החינוך.

כא. און פון מבצע חינוך קומט מען צו אלע מבצעים, ווארום כללות ענין המבצעים איז דאך דער ענין פון חינוך, ווארום מ׳פועל׳ט און מ׳איז מחנך א צווייטן אידן,

ביז אז כללות ענין התורה איז דאך דער ענין החינוך, ווארום די תורה איז מחנך דעם מענטשן ער זאל צוקומען לתכלית שלימותו,

ובפרט בזמן הגלות וואס דעמולט איז דאך כללות התומ"צ דער ענין החינוך, ווי דער רמב"ן (אחרי יח, כה) זאגט אז בזמן הגלות איז קיום התומ"צ איין אופן פון "הציבי לך ציונים - כדי שלא יהיו חדשים עלינו כשנחזור לארץ", ד.ה. אז דאס איז מערניט ווי אן ענין של חינוך, כדי מ׳זאל וויסן ווי אזוי צו מקיים זיין תומ"צ לע"ל.

וואס דאס איז אויך וואס דער מהר"ש קאכט זיך בכ"מ (המשך וככה תרל"ז פי"ז ואילך) אז דוקא לע"ל וועלן זיין די קרבנות "כמצות רצונך", אע"פ אז דער ענין הקרבנות איז דאך געווען אויך לפנ"ז, אין משכן וכו׳, ביז אז מ׳געפינט דעם ענין הקרבנות נאך פאר דערויף ביי נח׳ן -

אעפ"כ איז תכלית השלימות פון דעם ענין הקרבנות וועט זיין דוקא לע"ל, וואס דעמולט וועט דאס זיין "כמצות רצונך", ווארום דעמולט וועט זיין שלימות פון דעם אדם, און אויך שלימות פון די בהמה (קרבן), און אויך שלימות פון ענין המקום - דער מקום המקדש, וואס דערפאר וועט דעמולט זיין תכלית השלימות פון ענין הקרבנות "כמצות רצונך".

וואס דאס איז וואס מ׳זאגט אז כללות הענין פון קיום התומ"צ במשך כל תקופת הגלות, איז אע"פ אז יפה שעה אחת בתשובה ומע"ט בעוה"ז וכו׳ (אבות פ"ד מי"ז), ובפרט אין דעם זמן פון עקבתא דמשיחא - איז דאס נאר אן ענין של חינוך, און ס׳איז שלא בדומה צו דעם ענין פון תומ"צ דלע"ל, סיי בנוגע צו גודל מעלת השכר וואס ס׳וועט זיין לע"ל, סיי בנוגע צו עצם מעלת התומ"צ דלע"ל, וואס לגבי זה איז קיום התומ"צ איצטער נאר אן ענין של חינוך.

וואס דערפון איז מובן אז דער ענין פון מבצע חינוך איז כללות כל התורה.

וואס דער ענין החינוך האט דאך א שייכות מיוחדת צו בעל ההולדת, ווארום ער האט זיך דאך עוסק געווען אין מיסד זיין חדרים, און דערנאך דער ענין פון יסוד הישיבה וכו׳.

און פון מבצע חינוך (וואס ער איז כולל כל המבצעים כנ"ל) קומט מען צו די איבעריקע מבצעים: מבצע אהבת ישראל, מבצע תורה, מבצע תפילין, מבצע מזוזה, מבצע צדקה, מבצע בית מלא ספרים - יבנה וחכמי׳, מבצע נרות שבת קודש, מבצע כשרות האכו"ש, און מבצע פון טהרת המשפחה.

- ביז -

ביז אז ס'וועט זיין והקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, און ס'וועט זיין דער מבצע הגאולה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

* * *

כב. מאמר (כעין שיחה) ד"ה וה' אמר המכסה וגו'.

* * *

כג. ס'איז דאך רגיל צו לערנען אן ענין אין פירש"י עה"ת, וואס דאס איז (כמדובר כמ"פ) מיוסד אויף דעם כלל אז אין פירש"י איז ניטא קיין חסר, וואדוס וויבאלד אז ענינו של רש"י איז דאך צו מפרש זיין פשש"מ, באווארנט ער בפירושו אלע ענינים וואס ווערן שווער עפ"י הלימוד פון פשש"מ.

וואס דערפאר זעט מען, אז בשעת ס'איז ניטא אין דעם פסוק א ביאור אין פשש"מ, זאגט רש"י "לא ידעתי", אדער ווי ער זאגט בתחלת פירושו עה"ת - המקרא הזה אומר דרשני, ד.ה. אז פשש"מ איז מכריח צו זאגן דא א דרוש;

ועד"ז איז אין פירש"י ניטא קיין יתיר, און אלע ענינים וואס רש"י ברענגט בפירושו, זיינען נאר ענינים וואס זיינען נוגע צו פשש"מ, ווי רש"י זאגט (בראשית ג, ח) "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא".

[וואס פירש"י עה"ת איז נאר פשש"מ, און בנוגע צו שאר חלקי התורה, איז דא שאלות ותשובות פון רש"י', און ספר האורה פון תלמידי רש"י, וואס דארטן זיינען דא ענינים אין שאר חלקי התורה.]

- פירש"י איז טאקע כולל אין זיך אלע ענינים פון פרד"ס (פונקט אזוי ווי מקרא אליין איז כולל אין זיך אלע פירושים פון פרד"ס), אבער צום אלעם ערשטן איז רש"י אויסן צו מבאר זיין די ענינים עפ"י פשש"מ (ס'איז מערניט וואס אין דערויף איז אויך מרומז יינה של תורה וכו').

כד. עפי"ז (אז אין פירש"י איז ניטא קיין חסר ויתיר, און רש"י באווארנט אלע ענינים וואס דורשים ביאור עפ"י פשש"מ) איז ניט פארשטאנדיק פארוואס באווארנט ניט רש"י א שאלה וואס פרעגט זיך אין אונזער פרשה - עפ"י פשש"מ:

בסיום הסדרה ווערט דערציילט וועגן די עקידה, אז "האלקים נסה את אברהם וגו'", און דערנאך האט ער געזאגט "אל תשלח ידך אל הנער גו'", און דערנאך שטייט "וישא אברהם את עיניו וירא והנה איל אחר נאחז בסבך בקרניו וילך אברהם ויקח את האיל ויעלהו לעולה תחת בנו" (כב, יג).

פרעגט זיך דאך לכאו' א שטארקע קושיא - בלשון הידוע: א קלאץ קשיא (וכרגיל (כמדובר כמ"פ) אז אויף א קלאץ קשיא שטעלט זיך קיינער ניט):

פארוואס האט אברהם געזוכט און מקריב געווען דעם איל? וואס פאר א שייכות האט דאס צו דער עקידה; דער אויבערשטער האט איס געהייסן "והעלהו לעולה", און ער האט דאס שוין מקיים געווען, ווי רש"י (שם יב) איז מדייק "כשאמרתי לך קח מוצא שפתי לא אשנה, לא אמרתי לך שחטהו אלא העלהו, אסיקתי' אחתי'" - איז וויבאלד אז ער האט שוין מקיים געווען דעם ציווי פון דעם אויבערשטן, איז וואס האט ער געדארפט מקריב זיין א איל?

און צוליב וואס האט ער געדארפט זוכן דעם איל - ווי ס'שטייט "וישא אברהם את עיניו וירא גו'",

[מ'קען דאך ניט זאגן אז "וישא אברהם את עיניו" איז דער טייטש אז ער האט דאס דערזען בדרך ממילא, וואדום פריער שטייט "וישא אברהם את עיניו וירא את המקום" (שם ד), ווי רש"י טייטשט אפ "ראה ענן קשור על ההר" - און

- דארטן -



הנחת הת' בלתי מוגה